בעזרת השם יתברך

גליון

# סיפורי מעשיות

פארן שבת טיש

## פרשת משפטים

כ"ז שבט ה'תשפ"ג

שנה 4, גליון 11 (98)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב


**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, שַׁבָּת שׁוּבָה, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יג, דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס.**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אִיבֶּערְגֶעלֶערְנְט דֶעם חֵלֶק מַעֲשֶׂה וָואס מֶען הָאט שׁוֹין גֶעהַאט גֶעלֶערְנְט שַׁבָּת פַּרְשַׁת נִצָּבִים (אִין עִיר הַקּוֹדֶשׁ אוּמַאן יע"א).

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ווַייטֶער:

וַיְהִי הַיּוֹם. אוּן סֶע גִיוֶוען אֵיין בְּרִיחָה אִין אֵיין מְדִינָה. זֶענֶען זֵיי אַלֶע צוּלָאפְן גִיוָוארְן. ווִי זֵיי זֶענֶען אַנְטְלָאפְן גִיוָוארְן, זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען דָארְךְ אֵיין וַואלְד. הָאבְּן זֵיי דָארְט פַארְלוֹירְן צְוֵויי קִינְדֶער, אַ זָכָר אוּן אַ נְקֵבָה. אֵיינֶער הָאט פַארְלוֹירְן אַ זָכָר, אוּן אֵיינֶער הָאט פַארְלוֹירְן אַ נְקֵבָה. אוּן זֵיי זֶענֶען נָאךְ גִיוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער. פוּן פִיר פִינֶעף יָאהר. דִי קִינְדֶערְלִיךְ הָאבְּן נִיט גִיהַאט וָואס צוּ עֶסְן, הָאבְּן זֵיי גִישְׁרִיגְן אוּן גִיוֵויינְט, וָוארְן זֵיי הָאבְּן נִיט גִיהַאט וָואס צוּ עֶסְן.

שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז דָא אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין עֶסְן, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, מֶען קֶען נִישְׁט דֶעקְן דִי הוֹצָאוֹת, אָדֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין חוֹבוֹת לֹא עָלֵינוּ, אִיז דָא אֵיין עֵצָה, 'שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן': "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר עֶסְן, גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה", אוּן גְלַייךְ וֶועט קוּמֶען דִי יְשׁוּעָה, ווִי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט וַוייטֶער.

דֶערְוַוייל אִיז צוּ זֵיי אָנְגִיקוּמֶען אֵיין בֶּעטְלֶער, עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען מִיט דִי טָארְבֶּעס.

[דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען וָואס הֵייסְט 'אַ בֶּעטְלֶער מִיט טָארְבֶּעס', דָאס קֶען מֶען אַסַאךְ מָאל זֶען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אוֹיף בֶּעדְפָארְד עֶוֶועניוּ דְרֵיידְט זִיךְ אַ בֶּעטְלֶער מִיט טָארְבֶּעס, עֶר זִינְגְט פְּסוּקֵי תְּהִלִּים אוּן וֵויינְט...]

הָאבְּן דִי קִינְדֶער אָנְגִיהוֹיבְּן טְשֶׁעפֶּען זִיךְ צוּ אִיהם, אוּן צוּ טוּלֶען זִיךְ צוּ אִיהם. הָאט עֶר זֵיי גִיגִיבְּן בְּרוֹיט, הָאבְּן זֵיי גִיגֶעסְן. הָאט עֶר זֵיי גִיפְרֶעגְט, פוּן וַואנֶעט קוּמְט אִיהר אַהֶער. הָאבְּן זֵיי אִיהם גִיעֶנְפֶערְט מִיר וֵוייסְן נִיט, וָוארְן זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער. הָאט עֶר אָנְגִיהוֹיבְּן אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן זֵיי. הָאבְּן זֵיי אִיהם גִיבֶּעטְן, אַז עֶר זָאל זֵיי נֶעמֶען מִיט זִיךְ, הָאט עֶר זֵיי גִיזָאגְט דָאס ווִיל אִיךְ נִיט, אַז אִיהר זָאלְט גֵיין מִיט מִיר. דֶער וַוייל הָאבְּן זֵיי אַ קוּק גִיטָאן, אִיז דֶער בֶּעטְלֶער בְּלִינְד. אִיז בַּיי זֵיי אַ חִידּוּשׁ גִיוֶוען, אַז עֶר אִיז בְּלִינְד, ווִי אַזוֹי וֵוייסְט עֶר צוּ גֵיין (אוּן צוּם אֶמֶת, אִיז דָאס אַלֵיין אַ חִידּוּשׁ, וָואס דִי קִינְדֶער אִיז דָאס קָשֶׁה גִיוֶוען. וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער גִיוֶוען. לוּשְׁמִיר זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען קְלוּגֶע קִינְדֶער, אִיבֶּער דֶעם אִיז דָאס בַּיי זֵיי אַ חִידּוּשׁ גִיוֶוען) הָאט עֶר זֵיי גִיבֶּענְטְשְׁט (דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער), אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ. אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט ווִי אִיךְ. אוּן עֶר הָאט זֵיי אִיבֶּער גִילָאזְט נָאךְ בְּרוֹיט, אוּן עֶר אִיז זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען. הָאבְּן דִי קִינְדֶער פַארְשְׁטַאנֶען, אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט אוֹיף זֵיי הַשְׁגָּחָה גִיהַאט, אוּן עֶר הָאט זֵיי צוּ גִישִׁיקְט אַהֶער אַ בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער, עֶר זָאל זֵיי גִיבְּן עֶסְן.

דֶערְנָאךְ אִיז בַּיי זֵיי אוֹיס גִיגַאנְגֶען דָאס בְּרוֹיט. הָאבְּן זֵיי ווִידֶער אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן עֶסְן. דֶערְנָאךְ אִיז גִיוָוארְן נַאכְט, הָאבְּן זֵיי דָארְט אִיבֶּער גִינֶעכְטִיגְט. אִין דֶערְפְרִי, הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער נִישְׁט גִיהַאט צוּ עֶסְן, הָאבְּן זֵיי גִישְׁרִיגְן אוּן גִיוֵויינְט. דֶערְוַוייל, אִיז ווִידֶער אָנְגִיקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער, וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אַ טוֹיבֶּער, הָאבְּן זֵיי אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ אִיהם צוּ רֵיידְן, ווַייזְט עֶר זֵיי מִיט דִי הֶענְט אוּן זָאגְט צוּ זֵיי. אִיךְ הֶער גָאר נִיט. אוּן דֶער בֶּעטְלֶער הָאט זֵיי אוֹיךְ גִיגִיבְּן בְּרוֹיט צוּ עֶסְן, אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן זֵיי. הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גִיוָואלְט, אַז עֶר זָאל זֵיי נֶעמֶען מִיט זִיךְ, הָאט עֶר נִישְׁט גִיוָואלְט. אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיךְ גִיבֶּענְטְשְׁט, אַז אִיהר זָאלְט זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ. אוּן הָאט זֵיי אוֹיךְ גִילָאזְט בְּרוֹיט, אוּן אִיז זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.

דִי מַעֲשִׂיּוֹת מִיט בִּילְדֶער

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: אִינְדֶערְהֵיים הָאבּ אִיךְ אַ בּוּךְ וָואס דֶערְצֵיילְט דֶעם מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס מִיט בִּילְדֶער, עֶס אִיז אַ טֵייעֶרֶע בּוּךְ אָבֶּער עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ קוֹיפְן, עֶס אִיז וֶוערְד דָאס גֶעלְט, מִיט דֶעם בּוּךְ קֶען מֶען דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע וָואךְ בַּיים שַׁבָּת טִישׁ אַבִּיסְל פוּן דִי מַעֲשֶׂה, עֶס זָאל אַרַיין גֵיין דִי מַעֲשִׂיּוֹת אִין דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט. דָארְט אִיז דָא בַּיי יֶעדֶע וָוארְט אַ בִּילְד, בַּיי אוּנְז לַאכְט מֶען שׁוֹין גְלַייךְ וֶוען מֶען מִישְׁט עֶס אוֹיף, וַוייל יֶעדֶעס מָאל עֶס שְׁטֵייט אִין דִי מַעֲשֶׂה דִי וֶוערְטֶער "דִי קִינְדֶער" אִיז שׁוֹין דָא אַ גַאנְצֶע בְּלַאט מִיט אַ בִּילְד פוּן דִי קִינְדֶער... עֶס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר קִינְדֶער.

יֶעדֶעס יָאר אִין אוּמַאן בֶּעט אִיךְ אַלְץ דִי אִינְגֶעלַייט אוֹיבּ זֵיי זֶעעֶן אַ נֵייעֶ בּוּךְ עֶנְלִיךְ צוּ דֶעם, זָאלְן זֵיי מִיר עֶס קוֹיפְן, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לֵיינֶען דִי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן רֶבִּי'ן מִיט בִּילְדֶער.

דֶערְנָאךְ אִיז בַּיי זֵיי דָאס בְּרוֹיט אוֹיךְ אוֹיסְגִיגַאנְגֶען, הָאבְּן זֵיי ווִידֶער גִישְׁרִיגְן כַּנַּ"ל. אִיז ווִידֶער גִיקוּמֶען צוּ זֵיי אַ בֶּעטְלֶער, וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אַ כְּבַד פֶּה. (כְּלוֹמַר עֶר הָאט גִישְׁטָאמְפְּלְט מִיט דֶעם מוֹיל) הָאבְּן זֵיי אָנְגִיהוֹיבְּן מִיט אִיהם צוּ שְׁמוּסְן. הָאט עֶר גִישְׁטָאמְפְּלְט זַיינֶע רֵייד. הָאבְּן זֵיי נִיט גִיוואוּסְט וָואס עֶר רֶעט, אוּן עֶר הָאט יָא גִיוואוּסְט וָואס זֵיי רֶעדְן. נָאר זֵיי הָאבְּן נִיט גִיוואוּסְט וָואס עֶר רֶעט, וָוארְן עֶר הָאט גִישְׁטָאמְפְּלְט. הָאט דֶער בֶּעטְלֶער זֵיי אוֹיךְ גִיגִיבְּן בְּרוֹיט צוּ עֶסְן. אוּן אִיז זִיךְ אוֹיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זֵיי אוֹיךְ גִיבֶּענְטְשׁ, אַז זֵיי זָאלְן זַיין ווִי עֶר, אוּן אִיז זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען כַּנַּ"ל.

דֶערְנָאךְ אִיז ווִידֶער גִיקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער, וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אַ קְרוּמֶען הַאלְדְז. אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גִיוֶוען כַּנַּ"ל, דֶערְנָאךְ אִיז ווִידֶער גִיקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער, אַ הוֹיקֶער. דֶערְנָאךְ אִיז ווִידֶער גִיקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער, אָן הֶענְט. דֶערְנָאךְ אִיז גִיקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער, אָן פִיס. אוּן אִיטְלִיכֶער הָאט זֵיי גִיגִיבְּן בְּרוֹיט. אוּן הָאט זֵיי גִיבֶּענְטְשׁ. אַז זֵיי זָאלְן זַיין אַזוֹי ווִי עֶר, גָאר אַזוֹי ווִי יֶענֶע בֶּעטְלֶערְס כַּנַּ"ל.

דִי בֶּעטְלֶערְס זֶענֶען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "דִי אַלֶע זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס זֶענֶען אֵיין מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיינְס, דִי זִיבְּן זַאכְן זֶענֶען דִי 'זִיבְּן בְּחִינוֹת' צוּ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען".

### פַאֲרְוָואס הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעלָאזְט דִי קִינְדֶער מִיטְגֵיין

מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ אַז יֶעדֶעס מָאל הָאבְּן דִי קִינְדֶער גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי ווִילְן מִיטְגֵיין מִיט דִי בֶּעטְלֶערְס אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט זֵיי גֶעלָאזְט, וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם? פַאֲרְוָואס הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעלָאזְט דִי קִינְדֶער מִיטְגֵיין מִיט זֵיי?

נָאר דָא אִיז מְרוּמָז אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף ווִיסְן וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם צַדִיק אוּן מֶען הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער צַדִיק גֶעבְּט אַבִּיסְל טוֹעַם צוּ זַיין גִלוּי אֱלֹקוּת, דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְגְלִיסְט זִיךְ פַארְ'ן מֶענְטְשׁ צוּ בְּלַייבְּן אִין דֶעם מַדְרֵיגָה זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, עֶר זָאל זִיךְ אַלְץ שְׁפִּירְן דֶערְהוֹיבְּן אוּן דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַלֵיינְס מוּטְשֶׁען אוּן בֶּענְקֶען צוּ אִים.

עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ דִינְט אִים נָאר וֶוען עֶר אִיז אִין דֶעם הוֹיכְן מַדְרֵיגָה, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיבְן אִין הִימְל בִּילְיָאנֶען מַלְאָכִים וָואס דִינֶען אִים אוּן בְּרֶענֶען אָן אוֹיפְהֶער, אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן של) אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואלְט גֶעוָואלְט, וָואלְט עֶר זִיךְ אַלֵיינְס גֶעדִינְט; דִי גַאנְצֶע זַאךְ פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז וַוייל עֶר ווִיל דֶער מֶענְטְשׁ וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט דָאס עֲבוֹדַת ה', זָאל זִיךְ בֶּעטְן פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"**, דֶערְפַאר לֶעשְׁט מֶען נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט צוּרִיק אוֹיס אַלֶע לִיכְטִיגְקֵייטְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעשְׁפִּירְט אִין אָנְהֵייבּ, דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט צוּרִיק צוּ זַיין גֶעהֶערִיגְן לֶעבְּן, אוּן פַאלְט צוּרִיק אַרָאפּ אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן לָאזְט נִישְׁט אָפּ זַיין עֲבוֹדַת ה'. דָאס הָאבְּן דִי בֶּעטְלֶערְס גֶעזָאגְט צוּ זֵיי, קוּמְט נִישְׁט מִיט אוּנְז, גֵיי דַיין וֶועג, מוּטְשֶׁע זִיךְ וַוייטֶער אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַאל נָאכְאַמָאל אַרָאפּ אוּן שְׁטֶעל זִיךְ צוּרִיק אוֹיף.

### בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זָאל אִיךְ הָאבְּן אַזַא נְפִילָה?!

אַסַאךְ מָאל וֶוערְן מֶענְטְשְׁן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן נָאךְ אַ נְפִילָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, 'וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט מִיר אַז אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין אַ נִסָיוֹן?' אִיךְ הָאבּ דָאס יֶעדֶעס יָאר אִין אוּמַאן, בָּחוּרִים אוּן אַבְרֵכִים קוּמֶען צוּ מִיר פְרֶעגְן בְּרוֹגֶז'דִיגֶערְהֵייט: **"פַאֲרְוָואס אִיז דָאס גֶעשֶׁען? פַאֲרְוָואס הָאט דָאס פַּאסִירְט פַאר מִיר פּוּנְקְט דָא בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זָאל אִיךְ הָאבְּן אַזַא נְפִילָה?!"** אוּן מֶען ווִיל שׁוֹין אַוֶועק גֵיין פוּן רֶבִּי'ן, מֶען הָאט חֲלִישַׁת הַדַעַת אַז דָא בַּיים רֶבִּי'ן אִיז מֶען אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אָבֶּער דָא אִיז מְרוּמָז מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְקוּת אוֹיף דֶעם, בִּיסְט טַאקֶע גֶעקוּמֶען צוּם צַדִיק אוּן עֶס גְלִיסְט דִיר צוּ בְּלַייבְּן אִין דֶעם מַדְרֵיגָה וואוּ דוּ שְׁטֵייסְט יֶעצְט, אָבֶּער פוּן הִימְל זָאגְט מֶען דִיר: לָאמִיר זֶען צִי דוּ קֶענְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, גֵיי צוּרִיק, פַאל אַרָאפּ אוּן שְׁטֶעל זִיךְ צוּרִיק אוֹיף; הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶועזְן בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, שְׁטֶעל זִיךְ צוּרִיק אוֹיף אוּן זָאג דֶעם 'תִּיקוּן הַכְּלָלִי' [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], אוּן בֶּעט נָאכְאַמָאל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"**, לָאז נִישְׁט אָפּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן דִיר, זַיי מִיר מְקַרֵב צוּ דִיר"**.

דָאס אִיז דִי זַאךְ פוּן דִי אַלֶע בֶּעטְלֶערְס וָואס זֶענֶען מְרַמֵז אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַבִּיסְל עֶסְן, אַבִּיסְל הִתְחַזְקוּת, אוּן מֶען ווִיל שׁוֹין בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן, זָאגְט דֶער רֶבִּי, גֵיי דַיין וֶועג, פַאל אַרָאפּ אוּן שְׁטֶעל זִיךְ אוֹיף, פַאל נָאכְאַמָאל אַרָאפּ אוּן שְׁטֶעל זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיף, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן הֵייבּ אָן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, לָאז נִישְׁט אָפּ דַיינֶע גוּטֶע קַבָּלוֹת, פְּרוּבִּיר נָאכְאַמָאל אוּן בֶּעט נָאכְאַמָאל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### סַבְלָנוּת פַאר שָׁלוֹם בַּיִת

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אִין שְׁטוּבּ, מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, אֲפִילוּ עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אָנְהֵייבּ אוּן מֶען טְרַאכְט: **"אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַלֶע עֵצוֹת, בַּיי מִיר אַרְבֶּעט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת"**, אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ, אַז מֶען הָאט גֶעדוּלְד מַאכְט מֶען עֶס צוּם סוֹף.

### כַּךְ וְכַךְ יָארְן גֵייסְטוּ הָאבְּן אַ נִסָיוֹן

אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְן ווִילַאנְג דֶער נִסָיוֹן זָאל זַיין, אַז מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ, גֵייט אַרִיבֶּער דִי צַייט וָואס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְן ווִילַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף לַיידְן, כַּךְ וְכַךְ טֶעג אוּן כַּךְ וְכַךְ וָואכְן, אוּן עֶס טוֹישְׁט זִיךְ דִי גַאנְצֶע בִּילְד, דִי יְשׁוּעָה אִיז דָא.

אִיךְ וֵוייס אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן אִינְגֶעלַייט וָואס עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן צוּ זֵיי פַאר לַאנְגֶע יָארְן וַוייל זֵיי פָארְן קַיין אוּמַאן, עֶס אִיז דוּרְךְ דִי פָּאר יָאר אוּן פְלוּצְלִינְג הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעטוֹישְׁט, זֵיי רֶעדְן שׁוֹין מִיטְ'ן קִינְד, וָואס הָאט זִיךְ יֶעצְט גֶעטוֹישְׁט? וָואס אִיז יֶעצְט גֶעשֶׁען? עֶס אִיז גָארְנִישְׁט יֶעצְט גֶעשֶׁען זַייט פַארְיָאר, נָאר עֶס אִיז גֶעוֶועזְן אָנְגֶעשְׁרִיבְן 'כַּךְ וְכַךְ יָארְן גֵייסְטוּ הָאבְּן אַ נִסָיוֹן', דֶער נִסָיוֹן אִיז גֶעוֶועזְן צוּ זֶען אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן צוּלִיבּ דִי מְנִיעוֹת.

נָאךְ אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, עֶר פָארְט שׁוֹין קַיין אוּמַאן אַכְצְן יָאר! יֶעדֶעס יָאר גֵייט פֶּעטְשׁ אִינְדֶערְהֵיים וֶועגְן אוּמַאן, עֶס גֵייט נִישְׁט קַיין פֶּעטְשׁ, נָאר עֶרְגֶער פוּן פֶּעטְשׁ... קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען הָאט אַלְץ גֶעטוּן מִיט אִים יָאר נָאךְ יָאר, זַיין וַוייבּ שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּן אִים עֶטְלִיכֶע חֲדָשִׁים וְכוּ' וְכוּ', דָאס יָאר אִיז גֶעוֶועזְן דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר וָואס זַיין וַוייבּ הָאט אִים אַיינְגֶעפַּאקְט אוּן גֶעהָאלְפְן אַיינְקוֹיפְן בֶּעפָאר אוּמַאן, מַמָשׁ ווִי אַ שָׁנָה רִאשׁוֹנָה אִינְגֶערְמַאן... וָואס אִיז יֶעצְט גֶעשֶׁען? נָאר עֶר הָאט גֶעהַאט זַיין נִסָיוֹן זִיבֶּעצְן יָאר, 'כַּךְ וְכַךְ יָארְן זָאלְסְטוּ וַוארְטְן אוֹיף דַיין יְשׁוּעָה, דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער רֶעדְן שֵׁיין, אוּן דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', אוּן וֶוען עֶס אִיז אַרִיבֶּער דִי צַייט הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעטוֹישְׁט אָנְדֶעם וָואס עֶר זָאל הָאבְּן עֶפֶּעס גֶעטוּן.

### עֶס וֶועט הֶעלְפְן

יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען גוּט אַרַיין קוּקְן אִין זַיינֶע פְּרִיוַואטֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער, וֶועט עֶר זֶען פִילֶע זַאכְן וָואס אַ דַאנְק עֶר הָאט דֶעם צַדִיק, עֶר אִיז מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר פָאלְגְט, וַוארְט אוֹיס אוּן רֶעדְט וַוייטֶער שֵׁיין, זֶענֶען אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן גֶעוָוארְן אוֹיס.

### עֶר קוּמְט צוּרִיק וֵויינֶען

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט צוּ מִיר אַז עֶר לַיידְט פוּן זַיין וַוייבּ, הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אִים: **"גֶט זִיךְ נִישְׁט, דוּ הָאסְט דָאךְ קִינְדֶער"**, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, עֶר הָאט זִיךְ נֶעבֶּעךְ גֶע'גֶט,

דֶערְנָאךְ אִיז עֶר מִיר גֶעקוּמֶען זָאגְן מָלֵא שִׂמְחָה אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ שִׁידוּךְ, עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער קַיין לַאנְגֶע צַייט קוּמְט עֶר צוּרִיק וֵויינֶען אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ אִיר, פוּן אִינְדְרוֹיסְן קוּקְט עֶס אוֹיס פֵיין, מֶען קוּמְט, מֶען גֵייט, אָבֶער עֶס אִיז פּוּנְקְט גוּט פַאר דִי אַרוּמִיגֶע מֶען זָאל מֵיינֶען אַז עֶס דָא עֶפֶּעס וָואס צוּ מְקַנֵא זַיין...

קוּם נִישְׁט נָאכְ'ן שִׁיעוּר זָאגְן: **"אִיךְ רֶעד שֵׁיין אוּן עֶס הֶעלְפְּט מִיר נִישְׁט"**, **"בַּיי מִיר אַרְבֶּעט נִישְׁט דִי עֵצָה"**, עֶס גֵייט בַּאלְד הֶעלְפְן, עֶס גֵייט בַּאלְד אַרְבֶּעטְן, יֶעצְט אִיז נָאר אַ צַייט וָואס דוּ דַארְפְסְט אַרִיבֶּער גֵיין אַ נִסָּיוֹן, וַוארְט אַבִּיסְל.

סְתָּם קוּמֶען אוּן זִיךְ דְרֵייעֶן דָא אוּן נִישְׁט פָאלְגְן דִי עֵצוֹת אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט, פָּאלְג, גֵיי אַהֵיים, טַעֲנָה נִישְׁט, רֶעד שֵׁיין, וֶועסְטוּ זֶען שֵׁיינֶע זַאכְן.

### דַאנְקֶען דִי וַוייבּ

בִּפְרָט דִי אַלֶע אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, דַארְפְן יֶעצְט נָאר דַאנְקֶען אוּן דַאנְקֶען דִי וַוייבּ, נָאכְאַמָאל זָאגְן **"שְׁכּוֹחַ"** אַז זִי הָאט דִיךְ גֶעלָאזְט גֵיין קַיין אוּמַאן. (אֲפִילוּ זִי הָאט דִיר נִישְׁט מַמָּשׁ גֶעלָאזְט גֵיין, וָואלְט זִי דִיר גֶעלָאזְט גֵיין, עֶכְט וִויל זִי דוּ זָאלְסְט גֵיין, עֶס אִיז נָאר שְׁוֶוער פַאר אִיר צוּ זָאגְן "אִיךְ בִּין מַסְכִּים דוּ זָאלְסְט גֵיין קַיין אוּמַאן", דַארְף מֶען אִיר אַסַאךְ בַּאדַאנְקֶען).

מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל, אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער אוּן מֶען טַעֲנָה'ט נִישְׁט, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְדֶערְהֵיים, דֶער שְׁטוּבּ וֶוערְט אַ פְּלַאץ פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, נָאכְדֶעם וֶוערְט מֶען שׁוֹין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ אוּן מֶען הָאט שׁוֹין אַלֶעס.

### אַייְנְדְרִימְלֶען...

פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, אִין עִיר הַקּוֹדֶשׁ אוּמַאן יע"א, הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט מוֹרָא'דִיגֶע דִיבּוּרִים בַּיים שִׁיעוּר אִין 'סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער עֶס אִיז דָארְט גֶעוֶוען, אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וֶוער עֶס הָאט מִיט גֶעהַאלְטְן דֶעם גַאנְצְן שִׁיעוּר וַוייל יֶעדֶער אִיז דָארְט אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי שְׁוֶוערֶע נְסִיעָה; אִין אוּמַאן אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּלַאץ וָואס אִיךְ וֶועק נִישְׁט אוֹיף קַיין מֶענְטְשְׁן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ לָאז יֶעדְן אֵיינֶעם אַייְנְדְרִימְלֶען... מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט מֶען וֶוערְט פוּן דִי שְׁוֶוערֶע נְסִיעָה, מֶענְטְשְׁן פַאלְן פוּן דִי כֹּחוֹת, אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דַאוֶוענֶען אוּן הֶערְן אַבִּיסְל דְרָשׁוֹת אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שֵׁיין.

אִיךְ בִּין קֵיינְמָאל נִישְׁט אַיינְגֶעשְׁלָאפְן בַּיי מוֹהַרְא"שְׁ'ס שִׁיעוּרִים, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זִיצְן צֶען יָאר בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פוּן מוֹהֲרָא"ש, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ אִיךְ זָאל פַארְפַּאסְן אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט, אוֹיסֶער אֵיינְמָאל אַ יָאר 'אִין אוּמַאן', דָארְט הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט וִוי אִיךְ שְׁלָאף אַיין, אוּן אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע כֹּחוֹת זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן זִיךְ צוּ הַאלְטְן אוֹיף, אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט, בַּיי יֶעדֶע דְרָשָׁה הָאבּ אִיךְ אַיינְגֶעדְרִימְלְט אוּן פַארְפַּאסְט אַ צֶען פוּפְצְן מִינוּט, דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעקֶענְט מִיטְהַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר.

### אַ אִיד הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, וָואס אִיז דֶער חִילּוּק צְוִוישְׁן אַ אִיד אוּן לְהַבְדִּיל אַ גוֹי; וֶוען אַ אִיד טוּט אַ גוּטֶע זַאךְ אָדֶער עֶר גֶעבְּט צְדָקָה לִזְכוּת עֶר זָאל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ רְפוּאָה וְכַדוֹמֶה, אֲפִילוּ עֶר וֶוערְט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן הָאט עֶר נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם, נָאר עֶר הֶענְגְט עֶס אָן אִין זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אַז עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן, אָבֶער אַ גוֹי הָאט טַעֲנוֹת אוּן וֶוערְט בְּרוֹגֶז.

אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ד.) דָרְיָוֶשׁ אִיז גֶעוָוארְן אַ נִישְׁט עֶרְלִיכֶער קֶענִיג, וַוייל עֶר הָאט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פוּן זַיין פַארְמֶעגְן צִיגְן, שֶׁעפְּסְן, וֵוייץ, זַאלְץ, וַויין אוּן אוֹיל פַארְ'ן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּתְנַאי דִי כֹּהֲנִים זָאלְן דַאוֶוענֶען: **"לְחַיֵּי מַלְכָּא וּבְנוֹהִי"**, דֶער קֶענִיג מִיט זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶעבְּן, אוּן וִויבַּאלְד עֶר הָאט גֶעטוּן דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן נָאר פַאר זַיין הַנָאָה אִיז עֶר נִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶער. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא מִיר הָאבְּן דָאךְ גֶעלֶערְנְט, אוֹיבּ אֵיינֶער גֶעבְּט צְדָקָה - **"בִּשְׁבִיל שֶׁיִחְיוּ בָּנַי"** אַז זַיין קִינְד זָאל לֶעבְּן, זַיין קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט, אָדֶער **"בִּשְׁבִיל שֶׁאֶזְכֶּה לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא"** עֶר גֶעבְּט צְדָקָה כְּדֵי עֶר זָאל בַּאקוּמֶען גַן עֶדֶן, **"הֲרֵי זֶה צַדִּיק גָּמוּר"** אִיז עֶר אַ גַאנְצֶער צַדִּיק! עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: **"כַּאן בְּיִשְׂרָאֵל, כַּאן בְּגוֹיִם"** אַ אִיד, וֶוען עֶר טוּט אַ גוּטֶע זַאךְ עֶס זָאל זַיין אַ זְכוּת פַאר אִים אוּן אַז עֶר זֶעט נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה **"אֵינוֹ קוֹרֵא לוֹ תַּגָּר"**, הָאט עֶר נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, **"אֶלָּא תּוֹלֶה הַיִּסּוּרִים בַּעֲוֹנוֹ"**, עֶר הֶענְגְט אָן דָאס וָואס פַּאסִירְט - אִין זַיינֶע עֲבֵירוֹת (רַשִׁ"י, שָׁם).

אַז מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן מֶען וַוארְט נָאכְאַלְץ אוֹיף אַ יְשׁוּעָה, זָאגְט מֶען נִישְׁט: **"עֶס הֶעלְפְּט נִישְׁט אוּמַאן"**, **"וואוּ אִיז מַיין שִׁידוּךְ?"** **וואוּ אִיז מַיין פַּרְנָסָה?"** נָאר מֶען טוּט תְּשׁוּבָה. אַ גוֹי וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וָואס עֶר בֶּעט אוּן וַוארְט דֶערוֹיף - הָאט עֶר טַעֲנוֹת אוּן עֶר וֶוערְט בְּרוֹגֶז.

### עֶס פַאלְט קֵיינֶעם נִישְׁט אַיין צוּ פַארְמַאכְן דֶעם סִידוּר...

אִיךְ הָאבּ פִּיל מָאל וֶוען מֶען קוּמְט אַרוֹיף אִין אָפִּיס דֶערְצֵיילְן אַ צָרָה אוּן אִיךְ זָאג: **"בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, זָאגְט מֶען מִיר: **"אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעבֶּעטְן"**, מֵיינֶענְדִיג צוּ זָאגְן 'דִי עֵצָה אַרְבֶּעט נִישְׁט', אָדֶער 'דִי עֵצָה אַרְבֶּעט נִישְׁט בַּיי מִיר', מֶען זָאגְט דָאס מִיט אַ בִּיטֶערְקֵייט: **"אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעבֶּעטְן...!"** עֶס בַּאדֶערְט מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַזֶעלְכֶע אוֹיסְדְרוּקְן, 'וָואס הֵייסְט דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעבֶּעטְן?' 'וָואס הֵייסְט תְּפִלָּה הֶעלְפְּט נִישְׁט?' חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי צוּ זָאגְן! בֶּעט נָאכְאַמָאל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט נָאכְאַמָאל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאכְדֶעם בֶּעט נָאכְאַמָאל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

מִיר בֶּעטְן שׁוֹין צְוֵוויי טוֹיזֶענְט יָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּנֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, מִיר בֶּעטְן דְרֵיי מָאל אַ טָאג בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה: **"וְלִירוּשָׁלַיִם עִירְךָ בְּרַחֲמִים..."** הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער נֶעם אוּנְז שׁוֹין צוּרִיק קַיין יְרוּשָׁלַיִם, אוּן: **"אֶת צֶמַח דָּוִד עַבְדְּךָ מְהֵרָה תַצְמִיחַ..."** הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער שִׁיק שׁוֹין מָשִׁיחַ, אוּן עֶס פַאלְט קֵיינֶעם נִישְׁט אַיין אוֹיפְצוּגֶעבְּן פוּן בֶּעטְן דֶערוֹיף, עֶס פַאלְט קֵיינֶעם נִישְׁט אַיין צוּ פַארְמַאכְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן פַארְמַאכְן דֶעם סִידוּר וַוייל גְרֶעסֶערֶע צַדִּיקִים הָאבְּן דָאס שׁוֹין גֶעבֶּעטְן אוּן עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן... מִיר בֶּעטְן וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיר לָאזְן נִישְׁט

אָפּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אוּן מֶען בֶּעט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

### דִי יָאר הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן

מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרַיין אִין אַ נֵייעֶ יָאר, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן אִינֶעם ׳מִכְתָּב יוֹמִי׳ פוּן דֶעם פְרַייטָאג, אַ טַעַם פַארְוָואס מִיר עֶסְן רִינְדֶעכִיגֶע חַלוֹת פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז נָאךְ סֻכּוֹת, אוּנְז צוּ דֶערְמַאנֶען אַז מֶען הָאט טַאקֶע יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי יָאר, אָבֶּער מֶען דַארְף וִויסְן אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן דִי יָאר גֵייט פַארְבֵּיי. הָאסְט גֶעמַאכְט פְרִישֶׁע קַבָּלוֹת טוֹבוֹת, יֶעצְט בַּיים אָנְהוֹיבּ יָאר דַארְף מֶען דָאס שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן צוּ טוּן. הָאסְט זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען צוּ דַאוְוענֶען מִיט מִנְיָן – הוֹיבּ שׁוֹין אָן גֵיין אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג, שְׁטוּפּ דָאס נִישְׁט אָפּ אוֹיף מָארְגְן. הָאסְט זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַ קַבָּלָה טוֹבָה לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה – גֵיי שׁוֹין הַיינְט אִין מִקְוֶה. הָאסְט זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר נִישְׁט אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען דַיין טֶעלֶעפָאן, קוּק אוֹיף דִי רִינְדֶעכִיגֶע חַלָה ; דִי יָאר הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּן עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ שׁוֹין, לֵייג שׁוֹין אַרוֹיס דִי זַאכְן פוּן שְׁטוּבּ.

### רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אָנְהֵייבּ יָאר מַאכְט מֶען זִיךְ פְרִישֶׁע קַבָּלוֹת פַארְ׳ן יָאר, מֶען כַאפְּט אָבֶּער נִישְׁט אַז דָאס יָאר הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן, דִי יָאר הֵייבְּט זִיךְ נִישְׁט אָן נָאךְ חֲנוּכָּה, אָדֶער וֶוען מֶען רִיקְט דֶעם זֵייגֶער, אַלֶע פְרִישֶׁע קַבָּלוֹת הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן, מֶען דַארְף שׁוֹין אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### חוּמָשׁ

מֶען דַארְף שׁוֹין אָנְהֵייבְּן נֶעמֶען יֶעדְן טָאג אַ חוּמָשׁ ; יֶעצְט קוּמְט קְלֶענֶערֶע סִדְרוֹת, יֶעצְט אִיז אַ גוּטֶע צַייט אָנְצוּהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

### מִשְׁנַיוֹת

מֶען דַארְף שׁוֹין אָנְהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת ; דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן יט) : אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ״כַּךְ וְכַךְ״, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס ; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, עֶר הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז בִּשְׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען, דָאס נֶעמְט אַרוֹיס פוּן עֲבֵירוֹת – אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לִימוּד חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת ; מִשְׁנַיוֹת – דָאס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן עֶר וֶועט וַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

### לַיידְן אוֹיף דִי נֶערְוְון

אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ מְשׁוּגָע, עֶר לַיידְט אוֹיף דִי נֶערְוְון לֹא עָלֵינוּ, מֶענְטְשְׁן זָאגְן מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אִים וַוייל עֶר אִיז אַ נֶערְוְון קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ וֶועט עֶר זָאגְן מִשְׁנַיוֹת וֶועט עֶר וֶוערְן אוֹיס נֶערְוְון קְרַאנְק, עֶר וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט, אוּן דוּ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ –אָן לִימוּד הַתּוֹרָה – וֶועסְט אָנְהֵייבְּן לַיידְן אוֹיף דִי נֶערְוְון ! וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ דוּרְכְצוּגֵיין בָּזֶה הָעוֹלָם – אָן לִימוּד הַתּוֹרָה – אוּן בְּלַייבְּן גֶעזוּנְט, גֶעלוּנְגֶענֶע מֶענְטְשְׁן לַיידְן פוּן דִי נֶערְוְון, מֶען גֵייט אִיבֶּער פוּן דִי וַוייבּ, פוּן דִי קִינְדֶער, פוּן דִי פַּרְנָסָה, מֶען וֶוערְט אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט, אָבֶּער אַז מֶען נֶעמְט דִי מִשְׁנַיוֹת אוּן מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, גֶעבְּט דָאס כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן.

### דֶעם גַאנְצְן בָּאטְל מֶעדֶעצִין...

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף גֵייט צוּבִּיסְלֶעךְ, יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, נִישְׁט צוּ אַסַאךְ אוֹיפְאַמָאל, אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען גֵייט צוּם דָאקְטֶער אוּן עֶר גֶעבְּט אַ בָּאטְל מֶעדֶעצִין, טְרִינְקְט מֶען נִישְׁט אוֹיס דֶעם גַאנְצְן בָּאטְל אוֹיף אֵיינְמָאל, נָאר מֶען נֶעמְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל ; מֶען קֶען נִישְׁט עֶנְדִיגְן אִין אֵיין טָאג גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה... בַּארוּאִיג זִיךְ, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן הֵייבּ אָן אֵיין פֶּרֶק, צְוֵויי פְּרָקִים, אָדֶער דְרֵיי פְּרָקִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען צוּם סוֹף צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת שֶׁבָּעוֹלָם.

### מֶען קֶען נִישְׁט מִיטְגֵיין מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, אוּן גֶעדֶענְקְן דֶעם וָוארְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט מִיטְגֵיין מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן, גֵיי וַוייטֶער אוֹיף דַיין וֶועג אוּן אַז פַאלְסְט אַרָאפּ רַחֲמָנָא לִצְלָן, שְׁטֶעל זִיךְ אוֹיף, אוּן בֶּעט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז מֶען אִיז בַּיים סוֹף זוֹכֶה צוּ אַלֶע דַרְגוֹת אִין קְדוּשָׁה אוּן צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט וַוייטֶער אִין דִי מַעֲשֶׂה אַז דִי בֶּעטְלֶערְס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן דִי קִינְדֶער, אָבֶּער אִין אָנְהֵייבּ דַארְף מֶען זִיךְ אַלֵיינְס פְּלָאגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ זִיס יָאר, אוּן אַ חֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַז מִיר וֶועלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן : ״שַׁבָּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ״.

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב – שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) – שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876